# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון הרב **רבי אביגדור מיללער** זצ"ל

דורך: **פינחס בן-עמי**, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת יתרו

## שטיי חיך נישט אויפן קאפ!

לייבי האט שוין נישט געוואוסט וואס צו טוען מיט זיך. ער האט פשוט געוואלט גיין וואוינען אויפ'ן לבנה. דארט וועט ער קענען טוען וואס ער ווילי! און קיינער וועט אים נישט נאכקוקן און אריינזאגן!

לייבי האט אייביג געמיינט אז ער איז א נארמאלע, פאראנטפארטליכע אינגל. אבער אייביג האט איינער געטראפן א סיבה פארוואס אים צו קריטיקירן. זיין רבי האט געוואלט וויסן פארוואס זיין ספר איז אנגעשריבן. עס איז נישט געווען זיין שולד אז זיין קליינע שוועסטער האט געמיינט אז עס איז א קאלארינג ביכל; זיין מאמע האט געזאגט אז עס פאסט נישט ווי אזוי זיין צימער זעט אויס; אפילו ווען ער איז געגאנגען צו די גראסערי פאר זיין מאמע האט איינער אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי אומגעדולדיג, ער זאל זיך האלטן רואיג אוןווארטן אין די רייע; זיין שכן האט אים געזאגט אז ער זאל מער נישט צובינדן זיין בייק נעבן זיין גארטן; און זיין פעטער האט אים געפרעגט פארוואס ער האט אזא זויערע פנים, מען טאר נישט אזוי ארום גיין!

האט לייבי אים דערציילט. 'דו ווילסט וויסן פארוואס איך האב א זויערע פנים? ווייל דו ביסט נישט די איינציגסטע וואס קריטיקירט מיך! יעדער האט עפעס מיר צו זאגן! גארנישט וואס איך טו איז גוט! ווען וועט מען מיר שוין אפלאזן?"

"אה" האט זיין פעטער אים געזאגט. "דו האסט נישט ליב ווען מען הייסט דיר וואס צו טוען? איך הער. אבער איך וויל דיר עפעס זאגן. דו מיינסט אז ווען דו וועסט לעבן אזוי אז דו זאלסט קענען טוען וואס דו ווילסט און פארשטייסט, און קיינער זאל האבן וואס צו זאגן, וועט עס זיך שפירן באקוועם און געשמאק. אבער איך גיי דיר יעצט זאגן עפעס וואס וועט אפשר טוישן דיין מיינונג."

"וועלכע דור איז געווען די מערסטע אויסגעארבעטע, די העכסטע מדרגה? די אידן אין די מדבר, די דור דעה- די דור וואס יעדער האט געוואוסט ה'. קיינער אין די היסטאריע פון כלל ישראל איז נישט געווען אזוי נאנט צום באשעפער ווי זיי זענען געווען. א גאנצע דור פון אידן וואס זענען געווען אויף א גרעסערע און העכערע מדרגה ווי מען קען זיך אפילו פארשטעלן!"

"ווי אזוי איז דאס געווארן? נישט פון זיך אליין. א צדיק ווערט א צדיק צוליב אסאך ארבעט וואס ער טוט. ער ארבעט זיך אויס, זיין מדות, זיין אלע מעשים! און א וויכטיגע זאך וואס האט געמאכט די דור דעה אזוי אויסגעארבעט איז ווייל זיי האבן געהאט מענטשן וואס האבן זיי נאכגעקוקט, און קריטיקירט!"

"אין פרשת יתרו לערנען מיר אז פאר אלע 40 יאר אין די מדבר איז געווען 'שרי עשרות', הויפטן פון צען. דאס מיינט אז יעדער ניין מענטשן האבן געהאט א האר איבער זיי, א משגיח וואס האט זיי נאכגעקוקט יעדע רגע! און אויב זיי האבן געטוען עפעס וואס האט אפילו אביסל נישט געפאסט, האבן זיי שוין געהערט פון די משגיחים! דאס איז געווען זייער זייער שווער אויף זיי! ווי זיי זענען געגאנגען און וואס זיי האבן געזאגט אדער געטוען האט מען זיי נאכגעקוקט. אבער זיי זענען געווען דאנקבאר צו זייער היטערס, צו זייער 'קריטיקירערס', ווייל עס האט זיי געמאכט אויסנאם מענטשן! זיי זענען אנגעקומען צו אזא הויכע מדרגה, צו אזא נאנטקייט צום באשעפער! אזוי זענען זיי געווארן די דור דעה."

"די איינציגסטע וועג צו וואקסן, איז צו הערן וועגן וואס מיר טוען נישט ריכטיג און וויסן וואס צו טוען זיך צו פארבעסערן. קיינער איז אינגאנצן אויסגעארבעט אין אלע הינזיכטן - מיר האבן אלע חסרונות. און מיר קענען מאכן א טעות, יעדער מאכט טעותים. אבער א קלוגע מענטש לערנט זיך פון זיין טעות. און די בעסטע וועג זיך צו לערנען איז צו אויסהערן וואס יענער האט דיר צו זאגן וועגן דיין אויפפירונג, און בעסער ווערן. עס קען וויי טוען, אפילו שטארק וויי טוען, אבער געדענק אז ווען דו נעמסט אן מוסר רייד, טוסטו אזוי ווי די מענטשן פון די גרעסטע דור וואס איז אמאל געווען."

לייבי האט שוין געהאט וועגן וואס צו טראכטן. און די ערשטע קריטיק וואס ער האט אויסגעהערט איז געווען יענער פון זיין פעטער - און ער האט שוין מער נישט געחלומ'ט פון גיין וואוינען אויף די לבנה. ער איז געווען פריילעך און צופרידן און ארויף געלייגט א שמייכל אויף זיין פנים. און עס האט זיך אזוי גוט געשפירט!

גוט שבת!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860